# תולדות ד

א. אויף די ווערטער „לא ידעתי יום מותי" (אין אונזער פרשה[1]) זאָגט רש"י[2]: „אמר ר' יהושע בן קרחה אם מגיע אדם לפרק אבותיו ידאג חמש שנים לפניהם וחמש לאחר כן, ויצחק הי' בן קכ"ג[*2], אמר שמא לפרק אמי אני מגיע והיא בת קכ"ז מתה והריני בן ה' שנים סמוך לפרקה, לפיכך לא ידעתי יום מותי שמא לפרק אמי שמא לפרק אבא".

דאַרף מען פאַרשטיין:

א) וואָס זוכט רש"י אַ הסבר פאַר־וואָס האָט יצחק געזאָגט „לא ידעתי יום מותי", בעת יצחק אַליין זאָגט דאָ פריער דעם טעם: „ויאמר הנה נא זקנתי" — איך בין אַלט געוואָרען (און דערפאַר איז „לא ידעתי יום מותי")?

ב) צוליב וואָס דאַרף רש"י ברענ־גען דעם נאָמען פון דעם בעל המאמר[3]? וואָס איז דאָ ניט קלאָר אָדער גיט גלאַטיק אין דעם פירוש, וואָס דורך דער ידיעה, אַז דעם פי־רוש האָט געזאָגט ריב"ק, וועט עס ווערן קלאָר און פאַרשטאַנדיק?

ב. איז דער ביאור אין דעם: אין דער פריערדיקער סדרה[4] שטייט „ויברך אלקים את יצחק", טייטשט רש"י: „נתיירא (אברהם) לברך את יצחק מפני שצפה את עשו יוצא ממנו אמר יבא בעל הברכות ויברך את אשר ייטב בעיניו ובא הקב"ה וברכו".

וויבאַלד אַזוי, שטעלט זיך די שאלה ביי אונזער פסוק: האָבנדיק די ברכה פונעם אויבערשטן אַליין, פון דעם בעל הברכות, איז דאָס זיכער כולל אריכות ימים, האָט יצחק ניט געדאַרפט איבערטראַכטן וועגן יום מותו אין עלטער פון הונדערט מיט דריי און צוואַנציק יאָר, והא ראי': אברהם און שרה וועלכע האָבן גע־האָט אַ ברכה פון אויבערשטן האָבן מאריך ימים געווען מער ווי הונדערט און דריי און צוואַנציק יאָר.

דעריבער זאָגט רש"י אַז יצחק'ס זאָרג האָט זיך גענומען דערפון וואָס ער האָט דערגרייכט דעם עלטער וואָס איז אָפּגערוקט פינף יאָר פון זיין מוטערס פטירה; און מיט „הנה נא זקנתי" האָט ער געמיינט ניט סתם אַלטקייט, נאָר אַ באַשטימטן עלטער, וואָס איז פאַרבונדן מיט „פרק אמו".

עס קען דאָך אָבער ווערן ניט רעכט: ווי שטימט אָט דער כלל, וויבאַלד יצחק האָט לפועל געלעבט 180 יאָר[5] אַ סך מער ווי פינף יאָר „סמוך לפרקה" פון זיין מוטער? —

1) כז, ב.

2) מב"ר פס"ה, יב.

*2) כן הוא בכ"מ „קכג", וכן לקמן בפרש"י בסוף הסדרה (ממגילה יז, א) דיעקב הי' אז בן סג. ולכאורה הי' צריך לדאוג בהיותו בן קכב. וכמו שחי יצחק ה' שנים סמוך לפרק אביו והי' זה קפ שנים. ולהעיר מקו"א לאדה"ז ריש הל' ת"ת שלו.

3) כמדובר כמה פעמים שע"ד הרגיל אין רש"י מציין שם בעל המאמר, וע"ד שבפסוק הקודם אינו כותב שפירושיו הם בתנחומא וב"ר כאן.

4) כה, יא.

5) וישלח לה, כח. הובא כבר בפירש"י פרשתנו כה, ל.

באווארנט עס רש״י, אז אין דעם זיינען פאראן איינציקע אופנים: פינף יאר פאר אדער נאך „פרק אבותיו״: און אין פרק אבותיו גופא מיינט עס אדער פרק אמו אדער פרק אביו. ביי יצחק׳ן, וואס האט געלעבט הונדערט און אכציק יאר, איז לפועל געווען דער אופן פון פינף יאר נאך פרק אביו[6].

ג. לכאורה, אויך נאכדעם ווי רש״י איז עס מבאר מיט זיין פירוש בלייבט נאך אלץ שווער די קשיא: די ברכה וואס דער אויבערשטער האט געבענטשט יצחק׳ן האט דאך געוויס געבראכט א הוספה אין זיינע פרטי החיים און אוודאי אין עצם החיים גופא — א הוספה אין אריכות ימים, מערער ווי ער וואלט געדארפט לעבן מצד הטבע. היינט אויב אז אפילו אין סדר הרגיל דערגרייכט א מענטש דעם עלטער פון די יארן סמוך לפרק אבותיו, האט דאך די ברכה וואס דער אויבערשטער האט יצחק׳ן געבענטשט, אים זיכער צוגעגעבן מער ווי די צאל יארן פון פרק אבותיו. שטעלט זיך די שאלה:

א) פארוואס האט יצחק געלעבט ניט מער ווי 180 יאר? וויבאלד אז אט די צאל יארן איז ניט מער ווי א זאך וואס קומט אויך עפ״י דרך הטבע — וואו איז דער צוגאב פון אריכות ימים וואס דארף קומען מצד ברכת ה׳[7]?

ב) דאס זעלבע קען מען פרעגן אויך אויף דעם, וואס צו 123 יאר האט שוין יצחק געזאגט „לא ידעתי יום מותי״: וויבאלד דאס איז דער סכום יארן וואס ער האט אמווייניקסטן געדארפט לעבן אויך לויטן סדר הרגיל בטבע (מיט פינף יאר ווייניקער ווי דער קירצסטער פון „פרק אבותיו״) און די ברכה האט דאך זיכער עפעס צוגע־געבן צו אט די יארן — היינט פאר־וואס האט ער צו 123 יאר שוין געזאגט „לא ידעתי יום מותי״?

ד. דער ביאור אין דעם:

בשעת אברהם איז אלט געווען קנאפע 100 יאר און שרה קנאפע 90 יאר, זיינען זיי שוין דעמאלט געווען ניט נאר „זקנים״ נאר אויך „באים בימים״[8] — שוין אריין אין אלע זייערע טעג, אלע טעג[9] וואס זיינען פאר זיי באשטימט געווארן[10] (און דאס וואס בפועל האבן זיי געלעבט לענגער, איז עס געווען מצד דער ברכה וואס דער אויבערשטער האט זיי געבענטשט).

לויט דעם קומט אויס, אז מצד הטבע, אן דער ברכה פון אויבערשטן, האט יצחק צו 105 יאר שוין דער־גרייכט דעם העכסטן עלטער ווי דאס איז מצד „פרק אבותיו״: מיט פינף יאר

6) כי משמע ד„פרק״ דכאן הכוונה אפילו באם הי׳ מאורע וסיבה בחייו שלא האריך ימים יותר כמו — בשרה שמתה מפני בשורת העקדה (פרש״י כג, ב).

7) לכאורה אפ״ל, שמצד הטבע נקבע ליצחק ה׳ שנים פחות מאביו, או (יתירה מזה) לפי פרק אמו (ובזה גופא — ה׳ שנים פחות מאמו) — והברכה הוסיפה עד ה׳ שנים יותר מאביו — שלימות הטבע.

אבל דוחק גדול הוא לומר שברכת ה׳ (בעל הברכות) היתה רק במדה שמתאימה גם ע״פ טבע, ולא יותר.

8) וירא יח, יא.

9) ובזח״א (רכד, א) מוסיף שנתלבש בכל הימים. וראה תו״א פ׳ ח״ש. ובכ״מ.

10) וצע״ק ממש״נ באברהם פעם ב׳ בא בימים (ח״ש כד, א).

מער ווי די הונדערט יאָר וואָס זיינען באַשטימט (אָן דער ברכה) פאַר זיין פאָטער (וואָרום „פרק אבותיו" מיינט די יאָרן וואָס זיינען זייער פרק[11] — ניט דער ברכה פון בעל הברכות).

במילא — איז סיי אליבא דאמת און סיי לפי דעתו של יצחק, האָט דעם איבערשטנס ברכה זייער פיל צו־געגעבן צו יצחק'ס יאָרן: און — די זעלבע צאָל יאָרן וואָס דעם אוי־בערשטנס ברכה האָט צוגעגעבן זיין פאָטער:

בפועל האָט יצחק געלעבט 180 יאָר — און אין דעם האָט די ברכה גע־האָט מוסיף געווען 75 יאָר אויף די 105 יאָר וואָס ער וואָלט אַמהעכסטן דערגרייכט מצד סדר הרגיל (מיט פינף יאָר מער פון זיין פאָטער'ס באַשטימטע 100 יאָר) — און דאָס איז פונקט דער זעלבער סכום יאָרן וואָס די ברכה האָט צוגעגעבן זיין פאָטער אברהם, וואָס האָט געלעבט 175 יאָר: מיט 75 יאָר מער פון די באַשטימטע הונדערט, כנ"ל.

און אַזוי איז אויך לפי דעתו של יצחק, וואָס האָט חושש געווען טאָ־מער זיינען זיינע יאָרן מיט פינף יאָר וויניקער פון „פרק אמי" — איז דער חשבון בזה: די ברכה האָט אים שוין מוסיף געווען די זעלבע צאָל יאָרן ווי די ברכה האָט צוגעגעבן זיין מוטער: שרה'ס באַשטימטע יאָרן זיינען געווען — ניינציק, און דורך דער ברכה האָט זי געלעבט 127 יאָר — זיבן און דרייסיק יאָר מערער; און אַזוי אויך וואָלט יצחק געלעבט (לפי דעתו, און — אָן דער ברכה) בלויז 85 יאָר (מיט פינף יאָר וויניקער ווי זיין מוטער), און פונקט ווי צו זיין מוטער האָט אויך אים די ברכה צוגעגעבן נאָך זיבן און דרייסיק יאָר — האָט ער דער־פאַר אָנגעהויבן דואג זיין נאָך 122 יאָר — צו 123 יאָר.

ה. עס איז אָבער נאָך אַלץ דאָ אַ שוועריקייט: רש"י שרייבט פריער[12], אַז אַברהם איז נפטר געוואָרן פינף יאָר פאַר דער צייט מצד דעם אויבער־שטענ'ס צווייטע ברכה צו אברהם'ן „תבוא . . בשיבה טובה" בכדי ער זאָל ניט זען ווי עשו איז יוצא לתרבות רעה. הייינט וויבאַלד אברהם האָט גע־דאַרפט לעבן מצד דער ערשטער ברכה 180 יאָר, קומט דאָך אויס, אַז יצחק וואָס האָט אויך געהאַט די ברכה און צוזאַמען מיט די פינף יאָר מער פון פרק אביו, האָט ער געדאַרפט לעבן 185 יאָר און ניט בלויז 180.

און דעם ענטפער אויף דעם איז רש"י מרמז אין דעם צוגעגעבענעם ענין „אמר ר' יהושע בן קרחה":

אין גמרא[13] ווערט דערציילט, וועגן אַ צאָל תנאים ביי וועלכע מען האָט געפרעגט „במה הארכת ימים", און יעדערער פון זיי האָט אָנגעגעבן עטלעכע זאַכן אין וועלכע ער איז געווען באַזונדערס אָפּגעהיט, וואָס צו־ליב זיי האָט ער זוכה געווען צו אריכות ימים. די זעלבע שאלה („במה הארכת ימים") האָט מען אויך גע־פרעגט ביי ריב"ק, און ער האָט דערויף געענטפערט: „מימי לא נס־תכלתי בדמות אדם רשע". ער האָט

---

11) כולל גם מאורעות וסיבותיהם שבחייהם — ראה הערה 6.

12) לך טו, טו. פרשתנו שם.

13) מגילה כז, ב ואילך.

זיין אריכות ימים פארבונדן בלויז מיט דער איינציקער זהירות — ער האָט זיך אַלעמאָל געהיט פון איינצוקוקן אינעם געשטאַלט פון אַן אדם רשע.

זעט מען דערפון, אַז ריב״ק האַלט אַז דאָס אויסהיטן זיך פון הסתכלות בפני אדם רשע אַליין איז שקול כנגד כמה ענינים וואָס ברענגען צו אריכות ימים. ומכלל הן אתה שומע לאו: בשעת מען איז זיך יאָ מסתכל בפני אדם רשע, איז עס גורם אַ פאַרמינער־רונג פון אריכות ימים.

איז שוין רעכט וואָס יצחק האָט בלויז געלעבט 180 יאָר: ער האָט ניט אויסגעמיטן די הסתכלות בדמותו של עשו; און הגם ער האָט טאַקע ניט גע־וואוסט אַז ער איז אַ רשע, האָט אָבער די הסתכלות גורם געווען [14] אַז פון די 185 יאָר וואָס ער האָט געדאַרפט לעבן, זאָלן אַראָפּגענומען ווערן דער סמוך לפרק אביו (פינף יאָר) — און די ברכת ה׳ האָט אויפגעטאָן ער זאָל מאריך ימים זיין ווי „פרק אביו״ [15].

ו. אין פירוש רש״י איז דאָך פאַ־ראַן אויך „יינה של תורה״ [16]:

דאָס וואָס יצחק האָט מורא געהאַט, אַז זיינע יאָרן וועלן זיין מיט פינף יאָר ווייניקער פון „פרק אמו״ — דער נידעריקסטער אופן אין סדר הטבע (און נאָך מער: אויך אין „פרק אמו״ האָט ער גערעכנט בלויז די 127 יאָר וואָס שרה האָט געלעבט בפועל, ניט געקוקט אויף דעם וואָס איר איז באמת געווען באַשערט צו לעבן לענגער און נאָר בסיבת העקידה איז „פרחה נשמתה״ [17]) — איז דעם טעם הפנימי דערפון, ווייל יצחק איז במדריגתו קו הגבורה. און דערפאַר האָט ער געקוקט אויף אַלע ענינים און זיי געמאָסטן לויט מדת הגבורה.

דאָס איז געווען יצחק׳ס הנהגה נאָר אין שייכות צו זיך, בשעת ער האָט אָבער געבענטשט אַ צווייטן, איז זיין ברכה געווען אויפן העכסטען אופן פון היפך (הגבורה ו)הצמצום: זי האָט כולל געווען סיי די ענינים פון „שמים״ סיי די ענינים פון „ארץ״, און אין זיי גופא „מטל השמים ומשמני הארץ״ [18] — אַזעלכע ברכות וואָס זיינען גרעסער אויך פון ברכת יעקב לבניו און פון ברכת משה לישראל [19].

און דאָס איז אַ הוראה אין עבודה פון יעדער אידן — וואָס יעדער איד איז יצחק איינער פון זיינע אבות און ער האָט דערפאַר פון זיינע ענינים [20]: אַ איד ווען ער שטייט אַפילו אין אַ הנהגה פון קו הגבורה, און דעריבער איז ער מחמיר וכו׳, דאַרף עס זיין בנוגע צו זיך אַליין. ווען עס קומט אָבער צו אַ צווייטן אידן דאַרף ער זיך פירן לויטן קו החסד, זיך באַציען צו אים במדת הטוב און אים משפיע זיין גוטס ביד רחבה, אָן קיין צמצומים והגבלות, ביז צו דער העכסטער מאָס — „מטל השמים״ און „משמני הארץ״.

(משיחות ש״פ תולדות
וש״פ וישלח תשכ״ח)

14) ראה מגילה שם (כח, א. ועד״ז בתנחומא וכו׳ עה״פ): „ר״א אמר עיניו כהות שנאמר ויהי כי זקן יצחק ותכהין עיניו מראות משום דאסתכל בעשו הרשע״ — אף שיצחק לא ידע כו׳.

15) להעיר מפרש״י בריש הסדרה „צר קלסתר פניו של יצחק דומה לאברהם״, ומפרש״י כה, ל.

16) היום יום ע׳ כד.

17) פרש״י ח״ש כג, ב.

18) פרשתנו כז, כח. וראה תו״א ד״ה ראה ריח בני. תו״ח ד״ה ויתן לך. אוה״ת שם. ובכ״מ.

19) סידור שער התקיעות (רמז, ב).

20) תו״א ר״פ וארא.

# תולדות ה

א. אין פסוק[1] „וישמע יעקב גו׳ וילך פדנה ארם״, איז רש״י מפרש — אויף די ווערטער „וישמע יעקב״[2] — „מחובר לענין של מעלה, וירא עשו כי ברך יצחק וגו׳, וכי שלח אותו פדנה ארם, וכי שמע יעקב אל אביו והלך פדנה ארם, וכי רעות בנות כנען, והלך גם הוא אל ישמעאל״.

לערנענדיק אין פשטות, באווארנט דא רש״י: מ׳קען ניט זאגן אז מיט „וישמע יעקב גו׳״ מיינט די תורה צו דערציילן די מאורעות, אז יעקב אבינו האט געפאלגט זיין פאטער און געגאנגען קיין פדן ארם — ווייל דאס איז שוין דער־ציילט געווארן פריער[3] אין דער פרשה („וישלח יצחק את יעקב וילך גו׳״)[4], און די פסוקים וואס שטייען פאר און נאך „וישמע יעקב״ ריידן גאר וועגן עשו׳ן — דעריבער איז רש״י מסביר, אז „וישמע יעקב״ קומט בהמשך צו „וירא עשו״ וואס שטייט אין פריערדיקן פסוק, דער פסוק רעכנט אויס נאך א פרט וואס עשו האט געזען.

מ׳דארף אבער פארשטיין:

א) אט דער אויפטו, אז „וישמע יעקב״ איז „מחובר״ צו „וירא עשו״, וואלט געווען מובן אויך ווען רש״י וואלט גע־זאגט בקיצור „וישמע יעקב, מחובר לענין של מעלה וירא עשו״[5]; צוליב וואס איז רש״י מפרט די אלע פרטים וואס עשו האט געזען און וועלכע שטייען בפירוש אין פסוק?

ב) אין פסוק ווערט דערציילט נאך א זאך וואס עשו האט געזען — „ויצו עליו לאמר לא תקח אשה מבנות כנען״ — פארוואס איז רש״י משמיט דעם פרט?

ג) צווישן די פרטים אין דעם „ענין של מעלה״ צו וועלכע „וישמע יעקב״ איז מחובר, האט, לכאורה, אן ארט אויסצורעכענען נאר די וועלכע שטייען פאר „וישמע יעקב״, אבער ניט דעם פרט פון „וישמע יעקב״ גופא, און מכ״ש ניט דעם פרט פון „כי רעות בנות כנען״ וואס שטייט נאך „וישמע יעקב״.

ד) נאך מער פלא איז, וואס רש״י איז מסיים „והלך גם הוא אל ישמעאל״ — וואס דאס געהערט ניט צו די פרטים וואס עשו האט געזען, נאר דאס איז די תוצאה בפועל פון „וירא עשו״: ווען ער האט געזען אז „רעות בנות כנען״ איז ער אוועק צו ישמעאל.

מ׳קען ניט זאגן אז מיט דעם סיום „והלך גם הוא אל ישמעאל״ מיינט רש״י צו מסביר זיין[6], אז די אלע פרטים וואס „וירא עשו״ — האבן דערפירט צו „וילך עשו אל ישמעאל״ (און דעריבער רעכנט אויס רש״י אלע פרטים וועלכע שטייען

1) פרשתנו כח, ז.

2) ראה לקמן הערה 18.

3) שם, ה.

4) משכיל לדוד כאן.

5) ויתירה מזה: הפירוש ד„וישמע יעקב״ מחובר ל„וירא עשו״ ואינו סיפור עוה״פ ע״ד יעקב, לכאורה — מובן הוא מעצמו [ע״ד הפשט. משא״כ ע״ד הדרש — ראה ב״ר פס״ז, יב. תנחומא באבער ויצא א], ואין צריך רש״י לפרשו.

6) הרא״ם מפרש שכוונת רש״י היא לבאר שהוא״ו שבתיבת „וילך״ אינה משמשת לחיבור, כ״א להפוך העתיד לעבר — אבל ביאור זה אינו שייך, לא להתיבות „וישמע יעקב״ שרש״י מעתיקם ולא לפירושו „מחובר לענין של מעלה״.